וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בליבערטי

פרשת כי תשא, כ"ב אדר תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון ס"ז


**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.........................5:36
מוצאי שבת...............................7:07

# א מעשה פון תפלה

## משה יחיאל פעלדמאן

עס איז אנגעקומען א גרויסע ארדער פאר די נייע גראסערי אין שטעטל מיט א גרויסן טראק, ער האט געענדיגט אראפ לייגן די זאכן, ער פראבירט ארויסצופארן אבער ס'גייט נישט, ער איז געבליבן שטעקן אין די שניי, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל נישט בלייבן שטעקן דא, איינער האט פראבירט ארויסצושלעפן דעם טראק אויף אפאר וועגן אבער ס'איז נישט געגאנגען, אינמיטן איז אדורך געפארן א גוי און ער שרייט ארויס "איר דארפט אפשר הילף", און איך זאג אים אז יא, ער קומט ארויס און גלייך האט ער געטראפן דעם וועג וויאזוי ארויסצושלעפן דעם טראק, און ביז אפאר מינוט איז די טראק געווען אינדרויסן, שכח אייבערשטער!

## אברהם הערש וועבערמאן

א) איין טאג אינדערפרי האב איך מיר אויסגעגליטשט אויף א שטיקל אייז, די ערשטע פאר שעה האב איך גארנישט געשפירט אז מיין פיס זאל מיר ווי טוהן פונעם קלאפ, הערשט פארנאכטס האב איך אנגעהויבן שפירן געפערליכע פיס ווייי, איך האב מורא געהאט אפשר האט זיך א ביין צובראכן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטען פאר'ן גיין שלאפן "אייבערשטער העלף איך זאל אויפשטיין מיט געזונטע פיס, איך זאל גארנישט שפירן ווייטאג פונעם גליטש, און איך וועל מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף מפרסם זיין די מעשה פון תפלה", איך שטיי אויף אינדערפרי און עס איז טאקע געווען אזוי ווי איך האב געבעטן, אינדערפרי האב איך נאך געשפירט עפעס א קליינע ווייטאג, אבער שפעטער איז עס אינגאנצן אוועק געגאנגען. שכח אייבערשטער!

## הערשי שניטצלער

די חדר באס איז געווארן סטאק ביים תלמוד תורה בילדינג, מען האט פרובירט אלע וועגן ארויסצופארן פון דארט אבער ס'איז נישט געגאנגען, איך האב געזעהן וואו ער מוטשעט זיך האב איך שנעל געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגע באשעפער העלף ער זאל קענען פון דא ארויספארן שנעל און גרינג", (מן הסתם האט די דרייווער אויך געבעטן דעם אייבערשטן) איך בין ארויף אויפ'ן באס און געזאגט פאר'ן דרייווער ער זאל מיר לאזן פרובירן ארויספירן דעם באס פון די פארקינג לאט, איך האב געדרייט אביסל אהער אביסל אהין, און יא עס איז ארויס פון דארט. שכח אייבערשטער!

# נייעס אין שטעטל

## צווייטע בית המדרש אין שטעטל

ווי געמאלדן א צייט צוריק האט זיך געעפענט א נייע בית המדרש אויף די דענמאן גאס, צוליב וואס א גרויס טייל פונעם שטעטל וואוינט ווייט פונעם ערשטע'ן בית המדרש אויף האשקי גאס, האט מען צוליב דעם געעפנט נאך א בית המדרש אין יענעם געגענט.

אנפאנג האט זיך עס נאר געעפענט פאר פרייטאג צונאכטס און שלש סעודות, ווייל עס איז נישט געווען קיין מקוה פאר שבת אינדערפרי, און א מקוה שבת אינדערפרי איז גאר וויכטיג, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אונז שטענדיג די חשיבות פון גיין מקוה, בפרט שבת אינדערפרי.

א לאנגע צייט האט מען שווער געארבעט עס זאל קענען ווערן אהערגעשטעלט א שיינעם מקוה פאר'ן צווייטן בית המדרש, די ראש ישיבה האט ארויס געשיקט אפאר טיכטיגע בחורים זאלן ארויס העלפן מיט די ארבעט, און צוזאמען מיט אפאר חשובע אינגעלייט פון שטעטל האט מען ברוך השם אהערגעשטעלט גאר א שיינעם מקוה.

שבת זכור איז געווען די ערשטע שבת וואס מען האט אנגעהויבן צו ניצן דעם בית המדרש פאר אלע דריי תפלות.

דאס איז נאך א שיינע רינגעלע צו די שיינע אקטיוויטעטן וואס קומט פאר דא אין שטעטל, און מען האפט אז גאר בקרוב וועט זיך עפענען נאך א בית המדרש פאר די איינוואוינער וואס וואוינען אויך ווייט פון דעם בית המדרש.

## פורים אין שטעטל

גאר א פרייליכע פורים איז פאראיבער אין שטעטל.

אנגעהויבן די ערשטע נאכט פורים איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש הערן מגילה ליינען, דערנאך האט יעדער געמאכט א סעודה ביי זיך אינדערהיים מיט די ווייב און קינדער וואס האט געהאט אלע טעמים, דערנאך זענען אפאר משפחות זיך צאמגעקומען אין שטוב פון האברך יצחק אהרן וויינבערג הי"ו און אזוי אויך אין שטוב פון האברך אברהם שבתי מזרחי הי"ו זיך משמח זיין לכבוד פורים.

פורים אינדערפרי איז אויך פאראיבער גאר שיין און פריילך, מען האט זיך געגעבן משלוח מנות איינער פאר'ן צווייטן, עס האט געפילט ממש ווי איין משפחה.

מוצאי שבת איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש ווי מען האט זיך משמח געווען ביז אין די שפעטע שעות פונעם נאכט.

ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מאטי היימליך נ"י וזוגתו מרים תחי'**

גבאי בית המדרש דענמאן

**צו די געבורט פון זייער טאכטער אסתר תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר'ן מנהל

**אברהם משה שטראססער הי"ו וזוגתו תחי'**

**צו די חתונה פון זייער טאכטער תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט״א

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת כי תשא, י״ב אדר, שנת תשע״ח לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיך נישט לאזן נארן בזה העולם; דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן נא): ״**אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מֵאִתִּי, שֶׁלֹּא לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְהָעוֹלָם לְהַטְעוֹת**״, דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר, די וועלט נארט אייך, לאזט אייך נישט נארן; א מענטש דארף שטענדיג קוקן אויף זיינע רווחים ברוחניות. פונקט אזוי ווי בגשמיות ווען א מענטש האט א ביזנעס דארף ער שטענדיג פרעגן דעם בוכהאלטער צי מען פארדינט אדער מען דערלייגט, אזוי און נאך מער דארף מען זיך כסדר בודק זיין: ׳וואס טו איך אויף דער וועלט?׳ ׳אפשר נאר איך זיך?׳ און זיך נישט לאזן נארן.

זאלסט זיין שטארק צו גיין אין שול דריי מאל א טאג דאווענען **שחרית מנחה און מעריב**, דאס איז א זאך וואס וועט אויף אייביג בלייבן פונעם מענטש; אזוי אויך **לערנען די הייליגע תורה** דאס איז א זיכערע זאך וואס וועט אייביג בלייבן מיטן מענטש.

יענע וועלט איז אן עולם האמת, דארט קען מען זיך נישט נארן; ווען עס קומט צו לערנען און דאווענען און **שלום בית דאס איז זיכער אמת** און דאס הייסט זיך נישט גענארט, אבער ווען מען וויל דיר אריין דרייען אין מחלוקת, ביי דעם דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו האבן קיין מגע ומשא.

ווען מוהרא״ש זכרונו לברכה איז נסתלק געווארן דאנערשטאג נאכט פרשת יתרו האב איך גלייך געמאכט א טיקעט פאר מיר צו פארן קיין ארץ ישראל צו זיין ביי די קבורה, אויך האבן א גרויסע חלק בחורים געקויפט טיקעטס צו קענען זיין ביי די קבורה. פרייטאג אויפן וועג אהיים נאך די לויה וואס איז פארגעקומען אין בארא פארק וכו׳ האב איך געמאכט התבודדות און עס איז מיר אויסגעקומען אז איך זאל נישט פארן, ווייל **איך וויל נישט האבן קיין שום חלק אין מחלוקת**. איך האב מבטל געווען מיין טיקעט און איך האב געזאגט פאר אלע תלמידים זיי זאלן נישט גיין.

מענטשן האבן מיר פארגעהאלטן: ״היתכן דו ביסט נישט געפארן?״ אבער געלויבט דעם אייבערשטן אז איך דארף נישט פאר קיינעם ענטפערן און אפגעבן דין וחשבון וואס איך טו; די סיבה פארוואס איך בין נישט געפארן איז נאר ווייל איך האב מורא געהאט אז איך וועל ווערן אריין געדרייט אין מחלוקת און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, חלק ב׳, סימן ג): ״**מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַצָּרָה, הוּא פִּקֵּחַ**״, ווער עס אנטלויפט פון א צרה איז א סימן אז ער איז א קלוגער מענטש; אז דו זעסט א פלאץ וואו מען קריגט זיך, איז די בעסטע זאך נישט אהין צו גיין, ווייל **מחלוקת איז א זאך וואס יעדער ליידט פון דעם.**

קיינער זאל דיר נישט פארדרייען דעם קאפ וכו׳; מיר זענען געקומען צום רבי״ן פאר תורה תפילה וואס דאס איז דעם גאנצן רבינ׳ס זאך. די וואך אין די פרשה ביי די לוחות שטייט (שמות לב, טז): ״**וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹקִים הֵמָּה**״, **זאגט רש״י: ״ כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵירוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְּלוֹנִית, כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּתּוֹרָה**״, אזוי ווי מען זאגט: ׳יענעמס זאך איז דאס און דאס׳, אזוי זאגט די הייליגע תורה אז דעם אייבערשטנ׳ס זאך איז די הייליגע תורה; **דאס איז דעם רבינ׳ס זאך, אלעס אנדערש איז הבל הבלים.**

בעט דעם אייבערשטן אז מיר זאלן אויך דאס יאר האבן א שיינע קעמפ וואו צו זיין זומער. עס איז אן ענין אחר לגמרי די אלע וואס זענען זוכה צו זיין אין קעמפ צוזאמען מיט די ישיבה וכו׳ דורכאויס די זוממער וואכן; **מען אטעמט אמונה, מען לעבט מיטן אייבערשטן - פון קליינע קינדער ביז אינגעלייט** וכו׳.

דעם זומער וועט זיין בעזרת השם יתברך דעם צענטן זומער הבא עלינו לטובה זייט די ישיבה שטייט. יעדעס יאר וואנדערן מיר פון איין פלאץ צום צווייטן, איך האף אז די יאר וועלן מיר האבן א גוטע פלאץ וואו צו זיין.

געדענק וואס דער רבי האט אונז געזאגט (שיחות הר״ן, סימן רט): ״**אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון**״; עס איז נישט גענוג אז דער טאטע לעבט שטילערהייט מיט די חיזוק פון רבי״ן, נאר מען דארף דאס אריינברענגען אין שטוב, אז דער גאנצע שטוב זאל אטעמען די ווערטער פון רבי״ן. עס איז דא א ווארט פון רבי״ן: ״**איך וויל איר זאלט מאכן אייערע ווייבער חסיד׳סטעס**״; ווייל עס איז גאר אנדערש ווען די גאנצע שטוב איז פיל מיטן רבינ׳ס זאך און מען לעבט מיט אמונת חכמים.

ווייזן ווייזט זיך אויס אז די אלע וואס זענען צוזאמען זוממער מיט אנשי שלומינו איז די גאנצע שטוב געטוישט געווארן וכו׳; מען קען דאס נישט מסביר זיין פאר איינער וואס לעבט דאס נישט מיט. אפילו עס קאסט געלט צו דינגען א באנגעלאו, אבער במשך דעם יאר קומט אויס אז מען שפארט זיך זייער אסאך געלט. ווייל **ביי אונז איז נישט קיין בושה צו נעמען בגדים פון א צווייטן**, מען לעבט אן אנדערער סארט לעבן. קיינער קוקט נישט ארויף א צווייטן ווען יענער קויפט טייערע קליידער, פארקערט, **עס א בזיון ביי אונז צו אנטון די קינדער טייער**, ווער רעדט נאך פון שמחות; יעדעס יאר זוממער קומען פאר שמחות בר מצווה׳ס וכדומה, וואס די גאנצע בר מצוה קאסט נישט קיין געלט, **נאכדעם שפארט מען זיך געלט ווען מען מאכט חתונה די קינדער.**

בעט דעם אייבערשטן פאר מיר איך זאל האבן כח ווייטער אנצוגיין מיט די ישיבה, חדר און מיידל סקול, ווייל אסאך מאל שפיר איך אז די כוחות לאזן זיך מיר אויס.

די אינגעלייט בעטן שיעורים, מען מיינט אז דער ראש ישיבה איז א מאשין וואס געבט ארויס שיעורים; מען דארף האבן כח צו געבן שיעורים.

איך דארף מקצר זיין ווייל איך דארף אריין לויפן צו די בחורים געבן א שיעור.

**א גוטן טאג.**

...

## דער הייליגער רבי זאגט: ווער ס׳אנטלויפט פון א צרה איז

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א) א צדיק
ב) א עניו
ג) קליג
ד) ער איז ביים אמת




דער געוואונער פון פאריגע וואך איז אלי לאנדא נ״י
תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) שושן פורים איז אויך פורים
ב) מצה איז א עסן פון אמונה און פון רפואה.

פאר א פראפעסיאנאלע דזשאב
רופט אליעזר שטן
917-202-1206
The Handyman

עס איז דא צובאקומען אלע סארט בילדער
פון מוהראש און די ראש ישיבה,
ווי אויך קארד געימס, שליסלעך האלטער
און נאך.
רופט שרולי סאמעט
845-866-4101

קרית ברסלב פלעי גרופ
צו איינשרייבן א קינד
רופט מרת יאקאבאוויטש תחי׳
646-771-6936